Department of Social Services
Human Resources Administration
Department of Homeless Services
Office of Child Support Services

# NYC אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס
# עלטערן ערפאלג פראגראם: דראג באהאנדלונג
## אפט געפרעגטע פראגעס (FAQ)

פאר עלטערן וועלכע זענען שולדיג פערמענאנט-באשטימטע טשיילד סופארט געלטער צו די ניו יארק סיטי סאושעל סערוויסעס דעפארטמענט (New York City Department of Social Services, NYC DSS), די NYC אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס (Office of Child Support Services, OCSS) קען די עלטערן ערפאלג פראגראם אייך העלפן נידערן די שילדיגע געלטער מיט ביז $7,500 דורך פארענדיגן א באשטעטיגטע דראג באהאנדלונג אדער ארבעט סערוויסעס פראגראם.

פארוואס שטעלן מיר צו דעם פראגראם? OCSS פארשטייט אז צופיל חובות קען שווערער מאכן פאר עלטערן צו פארבעסערן זייער לעבן און שיקן געלט פאר זייערע קינדער.

פאר אינפארמאציע איבער וויאזוי צו נידערן NYC DSS חובות דורך אנטיילנעמען אין א באשטעטיגטע DSS ארבעטס פראגראם, ביטע קוקט איבער די צעטל **"עלטערן ערפאלג פראגראם: ארבעט אפט געפרעגטע פראגעס."**

**וויאזוי קען איך וויסן אויב איך האב פערמענאנט-באשטימטע טשיילד סופארט חובות?**
די עלטערן ערפאלג פראגראם קען נידערן פערמענאנט-באשטימטע חובות, שולדיג פאר NYC DSS, וואס פאסירט ווען טשיילד סופארט ווערט נישט געגעבן באצאלט ווען אייער קינד באקומט קעש הילף בענעפיטן. צו געוואר ווערן אויב איר זענט שולדיג געלטער פאר די NYC סאושעל סערוויסעס דעפארטמענט:

- באזוכט די HRA אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס (OCSS) קאסטומער סערוויס ארייננשפאציר צענטער, באשטעלט א צייט פאר א ווירטועלע זיצונג אדער גייט צו אן OCSS אפיס אין די פאמיליע געריכט. בעט צו איבערקוקן אייער קעיס מיט א טשיילד סופארט קעיס ארבעטער. פאר מער אינפארמאציע גייט צו https://on.nyc.gov/contactocss; אדער

- פרעגט אייער דראג באהאנדלונג פראוויידער אויב זיי האבן טשיילד סופארט סנעפשאט. אויב יא, קענט איר זיי געבן ערלויבעניש צו איבערקוקן אייער טשיילד סופארט קעיס. זיי קענען אייך זאגן אויב איר זענט שולדיג געלט פאר DSS און וויפיל איר זענט שולדיג. DSS געלט וואס מען איז שולדיג פאר אן אנדערע קאונטי אדער סטעיט איז נישט אריינגערעכנט אין דעם פראגראם.

**וואס דארף איך טון?**
פאלגט אויס די דריי (3) גרינגע שריט:

1. פארענדיגט אייער דראג באהאנדלונג פראגראם. אייער פראגראם מוז זיין באשטעטיגט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון אלקאהאליזם און סובסטאנץ אביוז סערוויסעס, (Office of Alcoholism and Substance Abuse Services, OASAS) איר קענט זיין קוואליפיצירט אויב איר זענט אין אן אוט-פאציענט אדער וואוינונגס באהאנדלונג פראגראם. די אוט-פאציענט פראגראם מוז זיין באשטעטיגט דורך NYC יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע (Human Resources Administration, HRA). איר מוזט נאכקומען אלע פראגראם פאדערונגען פאר 90 טעג. שאדן פארמינערונג פראגראמען און מעטעדאון (methadone) באהאנדלונג פראגראמען זענען נישט בארעכטיגט.
2. באקומט א סערטיפיקאט אדער בריוו פון אייער דראג באהאנדלונג פראוויידער וואס זאגט אז איר האט פארענדיגט אייער פראגראם און די דאטום ווען איר האט פארענדיגט אייער פראגראם. איר וועט אויך געבעטן ווערן צו אונטערשרייבן א בויגן וואס געבט ערלויבעניש פאר OCSS צו רופן אייער דראג באהאנדלונג פראוויידער אויב מיר דארפן נאך אינפארמאציע.
3. שיקט אייערע דאקומענטן צום OCSS איף פאסט אדער אימעיל אדער ברענגט זיי אריין פערזענליך.

**וויאזוי שיק איך אריין באווייז אז איך האב פארענדיגט דראג באהאנדלונג?**
איר קענט ארייינשיקן דאקומענטן אין 3 וועגן: פאסט, אימעיל אדער אריינברענגען דאקומענטן פערזענליך. אויב איר שיקט עס אויף פאסט אדער אימעיל, מאכט זיכער צו שרייבן אז איר ווילט זיך איינשרייבן אין די עלטערן ערפאלג פראגראם. עס איז וויכטיג ארייננצושרייבן אייער גאנצע נאמען, טשיילד סופארט קעיס ID, און געבורטס דאטום.

(דרייט איבער)

**דורך פאסט:** **Parent Success Program**
NYC Office of Child Support Services
P.O. Box 830, Canal Street Station
New York, NY 10013

**דורך אימעיל:**
ParentSuccess@dfa.state.ny.us

**פערזענליך:** **OCSS CUSTOMER SERVICE WALK-IN CENTER**
151 West Broadway, 4th Floor
New York, NY 10013

**MANHATTAN FAMILY COURT**
60 Lafayette Street, 1st Floor
New York, NY 10013

**BRONX FAMILY COURT**
900 Sheridan Avenue, LM Floor
Bronx, NY 10451

**QUEENS FAMILY COURT**
151-20 Jamaica Avenue, 4th Floor
Jamaica, NY 11432

**BROOKLYN FAMILY COURT**
330 Jay Street, 12th Floor
Brooklyn, NY 11201

**STATEN ISLAND FAMILY COURT**
18 Richmond Terrace
Staten Island, NY 10301

**ווי שנעל נאכ'ן פארענדיגן דראג באהאנדלונג דארף איך אריינגעבן מיין באווייז?**
איר קענט עס שיקן ווען איר ווילט נאך איר ענדיגט באהאנדלונג. די דאטום וואס איר האט געגעענדיגט באהאנדלונג מוז זיין אויף אדער נאך דעצעמבער 1, 2024.

**איינמאל איך געב אריין מיין באווייז, ווי לאנג וועט עס נעמען פאר מיין טשיילד סופארט חוב זאל ווערן גענידערט.**
עס קען נעמען ביז אכט (8) וואכן. ווען OCSS באקומט אייערע דאקומענטן, וועלן מיר זען אויב איר זענט שולדיג געלט פאר NYC DSS. מיר קענען אנרופן אייער דראג באהאנדלונג פראוויידער צו פארזיכערן אז איר האט פארענדיגט אייער באהאנדלונג פראגראם. איינמאל מיר וויסן אז איר זענט בארעכטיגט, וועלן מיר אייך שיקן א מעלדונג אויף פאסט מיט די סומע וויפיל אייער NYC DSS חוב איז געווארן גענידערט. אויב איר זענט נישט בארעכטיגט, וועלן מיר אייך שיקן א מעלדונג אויף פאסט דאס אייך צו זאגן.

**ווען איך בין אין דראג באהאנדלונג, קען פארקומען ענפארסירונג שריט קעגן מיר פאר'ן נישט באצאלן מיין טשיילד סופארט?**
יא. אלע גילטיגע ענפארסירונג שריט זענען פאר.

**וויאזוי קען איך זיין בארעכטיגט פאר די גאנצע $7,500 נידערונג? דארף איך זיין שולדיג $7,500 אדער מער עס צו באקומען?**
אויב איר זענט שולדיג $7,500 אדער מער אין DSS חובות, קענט איר זיין בארעכטיגט צו א נידערונג פון $7,500. איר מוזט אריינשיקן א סערטיפיקאט אדער בריוו פון אייער דראג באהאנדלונג פראוויידער וואס זאגט אז איר האט פארענדיגט באהאנדלונג. ניין, איר דארפט נישט זיין שולדיג כאטש $7,500. OCSS וועט נידערן יעדע סומע ביז $7,500.

**קען איך זיך איינשרייבן אין די עלטערן ערפאלג פראגראם עטליכע מאל?**
יא, איר קענט זיך איינשרייבן עטליכע מאל. אויב איר פארענדיגט נאך א דראג באהאנדלונג פראגראם און זענט שולדיג נאך געלטער פאר DSS, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר נאך א נידערונג. אבער, די סך הכל מאקסימום סומע וואס קען ווערן אראפגערעכנט פאר פארענדיגן דראג באהאנדלונג איז $7,500.

**אויב איך באצאל טשיילד סופארט, קען איך כאטש באזוכן?**
אין ניו יארק סיטי, זענען דא צוויי געריכטן וועלכע מאכן באשלוסן אויף טשיילד סופארט באפאלן און באזוך רעכטן. אויב איר דארפט אינפארמאציע אדער הילף מיט אייער רעכט צו באזוכן אייער קינד, רופט פאמיליע לעגאלע קעיר אויף 343-1122 (212) אדער באזוכט familylegalcare.org/helpline.

**איך האב נאך פראגעס. וואס זאל איך טון?**
פרעגט אייער DSS ארבעטס פראגראם אדער דראג באהאנדלונג פראגראם איבער די OCSS "עלטערן ערפאלג פראגראם" אדער פארבינדט זיך מיט OCSS דורך אימעיל, פערזענליך אדער אויף פאסט. פאר מער אינפארמאציע, גייט צו https://on.nyc.gov/contactocss.

**האט איר א מעדיצינישע אדער גייסטישע געזונטהייט צושטאנד אדער באגרעניצונג?** טוט די צושטאנד אייך פארשווערן צו פארשטיין די מעלדונג אדער טון וואס דער מעלדונג בעט? טוט די צושטאנד אייך פארשווערן צו באקומען אנדערע סערוויסעס ביי HRA? **מיר קענען אייך העלפן.** רופט אונז אויף **718-557-1399**. איר קענט אויך בעטן הילף ווען איר באזוכט אן HRA אפיס. איר האט א רעכט צו פארלאנגען די סארט הילף לויטן געזעץ.